בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

גליון מוגדל · לרגל חג הפסח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

מצורע

י"ב ניסן תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:35 |
| מוצש"ק | 7:50 |
| ר"ת | 8:29 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:33 | סוז"ת א' | 9:55 |
| סוזק"ש ב' | 9:18 | סוז"ת ב' | 10:25 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ע"ח

שנה ב'

## טיב הפרשה

# דער כח וואס א מקום האט און איז משפיע

### והבא אל הבית כל ימי הסגיר אותו יטמא עד הערב

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר די הלכות פון נגעים. מערערע הלכות איז דא ביי א נגע, עס איז דא א נגע וואס קומט אויפ'ן שטוב, עס איז דא א נגע וואס קומט אויפ'ן מענטשליכן גוף, אבער ביי אלע ערליי נגעים זעט מען אז די תורה הק' איז זייער שטארק מקפיד אויף א נגע און אויף די טומאה וואס עס קומט נאך איר און וואס עס ברענגט מיט זיך.

ווען עס רעדט זיך פון נגעי בית זאגט די תוה"ק אז נישט נאר דער וואס וואוינט אין שטוב ווערט טמא, אויך דער וואס איז אריינגעקומען אין שטוב ווערט טמא, אפילו אויב ער איז געווען דארט פאר ווייניג צייט און ווי דער פסוק זאגט 'והבא אל הבית כל ימי הסגיר אותו יטמא עד הערב'.

רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס אז עס וועט זיך ווענדן ווי לאנג דער איד וועט זיין אין שטוב וואו די נגע געפינט זיך. ווי עס קומט אויס פון זיינע ווערטער וועט אפילו א קורצער צייט צוברענגען אז דער מענטש זאל ווערן טמא ביז ביינאכט און אויב ווייל ער דארט ווי דער שיעור פון אכילת פרס ווערן זיינע קליידער אויך טמא.

אז מיר ווילן זיך גוט מתבונן זיין אין די הלכה זעען מיר א מורא'דיגע זאך. מען זעט אז נאר דאס זיין אויפ'ן ארט, אן וואס מען זאל טון עפעס אין יענעם ארט ווי וואוינען דארט, אדער נעכטיגן דארט, איז מטמא דעם מענטש, און אז אויב דער מענטש וועט זיין דארט אביסל לענגער וועלן זיינע קליידער ווערן טמא.

די הלכה לערנט אונז אויס א שטארקער יסוד. עס לערנט אויס א איד די כח וואס א מקום אדער א סביבה האט אויף א מענטש.

מיר ווייסן אז א נגע קומט אויף א מענטש וועגן די חטא פון לשון הרע און אז א מענטש רעדט לשון הרע דארף ער האבן א כפרה, אבער דא רעדט מען נישט פון דער מענטש וואס האט באקומען די נגע, מען רעדט פון די כח וואס די סביבה האט אויפ'ן מענטש אז עס איז אים מטמא און אז אויב ער איז דארט אביסל צייט, אזוי ווייניג ווי די שיעור פון אכילת פרס, ווערן זיינע קליידער אויך טמא.

דער אמת איז אז די נושא טרעפן מיר אויך ביי די מרגלים. מיר ווייסן אז די מרגלים זענען געווען צדיקים און ווי די תוה"ק איז עס מדגיש אנהייב פון די פרשה שרייבנדיג [במדבר יג. ג] כולם אנשים – א לשון פון חשיבות, אבער ליידער האבן זיי זיך איבערגעדרייט און האבן געברענגט א חורבן אויפ'ן כלל ישראל.

עס איז שווער צו פארשטיין וואס האט גורם געווען אז די מרגלים זאלן זיך אזוי טוישן, נאר עס קען זיין

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# וויאזוי מאכט מען א הכנה צום הייליגן יום טוב פסח?

דער וועלט זאגט נאך אין נאמען פונעם הייליגן אוהבם וסנגורם של ישראל, הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע, אז ווען ער פלעגט זען די געהויבענע עבודה פון אידישע קינדער וואס זענען מהדרים במצוות, און מען רוימט אויס דעם חמץ פון הויז פארן הייליגן יום טוב פסח מיט ליבשאפט און מיט שמחה, פלעגט ער אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל, און ער האט מתפלל געווען מיטן נוסח וואס מען זאגט אום ראש השנה ביי די תקיעות: 'יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו שיעלו אלו המלאכים היוצאים מן הקשר"ק [ראשי-תיבות - כשר'ן שויבע'ן רייבע'ן קראצע'ן] לפני כסא כבודך, וימליצו טוב בעדינו, לכפר על כל חטאתינו'.

אין אט די געבענטשטע טעג, ווען ישראל קדושים זענען פארנומען מיט מצוות, די הענט זענען פול מיט ארבעט מיט די הייליגע הכנות צום הייליגן יום טוב הבא לקראתינו לשלום, פארנעמט א חשוב'ן ארט צווישן די חשוב'ע הכנות, דאס מאלן די ווייץ פאר די מצות שמורה, אזוי אויך דער עצם מצות באקן, און דאס כשר'ן די כלים, און אזוי פארשטייט דאך יעדער איינער אז ער דארף אנגרייטן אלע זיינע געברויכן וואס ער דארף האבן, כדי צו צושטעלן די חומרות מיט וואס ער פירט זיך לויט די מסורת פון זיינע עלטערן, והעולה על כולם איז די עבודה פון בדיקת און ביעור חמץ, וואס דאס איז דאס אויסראמען פונעם יֵצֶר.

די אלע אויבנדערמאנטע זאכן, פארשטייט יעדער איינער דער וויכטיגקייט און טייערקייט דערפון, וויבאלד דאס געהער דאך ממש צום הייליגן יום טוב, אבער דער חלק הגשמי פון רייניגן דאס הויז, זענען דא אזעלכע וואס מיינען אז דאס געהער נישט ממש צום ענין פונעם הייליגן יום טוב. זיי פארשטייען גוט אז דער חמץ דארף מען אויסראמען פון הויז, אבער גוט אויסצורייניגן דאס הויז – איז דאך אסאך מער ווייטגייענדיג פון דאס וואס מען דארף טון צו ארויסנעמען דעם חמץ! אנדערש האט אבער געהאלטן דער הייליגער בארדיטשובער, זכותו יגן עלינו, נאר דאס רייניגן גרונטליך איז זייער א וויכטיגע זאך, און ער האט אונז מגלה געווען אז די מי און פלאג וואס מען לייגט אריין אין דעם, איז עושה פירות, און עס ווערן באשאפן דורכדעם מלאכים, און אט די מלאכים זענען בכח צו ממליץ זיין זכות אויף אונז.

אויף ווי ווייט איז די השפעה פון אט די עבודה, קענען מיר זען פון דאס וואס הרה"ק רבי אהרן ראטה זצ"ל בעל שומר אמונים, האט עדות געזאגט אויף זיך זעלבסט, אז איין יאר האט ער פראבירט זיך צו קאנצענטרירן אין די טעג פון חודש ניסן, פארן הייליגן יום טוב פסח, בלויז אין די ענינים וואס האבן שייכות מיטן יום טוב אליין, און ער האט נישט אנטיילגענומען אין קיין שום צוגרייטונג פונעם הויז צום יום טוב, נאר ער האט זיך פארשפארט אין זיין חדר מיוחד, זיך צוגרייטנדיג בלויז מיט די רוחניות'דיגע הכנה. אבער דער סוף איז געווען, אז די הכנה איז נישט ארויס גוט, ווייל אין יענעם יאר האט ער כמעט נישט געפילט קיין שום הארה אינעם סדר נאכט, שפירנדיג א סדר נאכט אזוי ווי גאר א פשוט'ער מענטש.

האט דער הייליגער שומר אמונים אויסגעפירט, אז פון דעם האט ער זיך אויסגעלערנט, אז אויב עס פעלט פונעם פראקטישן און גשמיות'דיגן הכנה צום יום טוב פסח, קען מען נישט זוכה זיין צום גרויסן אור וואס שיינט און לייכט אין דעם נאכט.

(עפ"י טיב המועדים – פסח)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

די זעלבע געדאנק ווי ביי די נגעים. ווען די מרגלים האבן פארלאזט דער מדבר זענען זיי געווען אנשים קדושים, זיי האבן זיך געדרייט אין א הייליגע סביבה, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען קיין כנען האבן זיי זיך געטוישט, ווייל דארט האבן זיי זיך געדרייט צווישן די כנענים און ווען איינער דרייט זיך צווישן די כנענים ווערט ער נאכגעשלעפט נאך זיי, ווייל די סביבה האט א שטארקער השפעה אויף א מענטש אז זיי זענען נשתנה געווארן לרעה.

א רמז צו די בחינה טרעפט מען אין די פרשה פון די מרגלים. זיי האבן געזאגט פאר משה רבינו [במדבר יג. כז] באנו אל הארץ אשר שלחתנו.

אויבנאויף איז שווער וואס האבן זיי געוואלט דרוקן מיט דעם? נאר ווי געשמועסט איז עס פארשטענדליך. מיט דעם האבן זיי געוואלט באטאנען פון וואו זיי קומען און וואו מען האט זיי געשיקט און די השפעה וואס יענער ארט האט געהאט אויף זיי, אז עס האט ממשיך געווען אויף זיי א רוח הטומאה און זיי זענען קאליע געווארן פון דעם.

דער געדאנק איז א שטארקער יסוד, אבער מער ווי עס איז א יסוד איז עס מחייב דעם מענטש ביז'ן היינטיגן טאג ער זאל וויסן די השפעה וואס א סביבה האט אויף אים און זיך אכטונג געבן פון א שלעכטע סביבה און דאגעגן זאל ער זיך אויסלערנען די שעצן די כח פון א גוטע סביבה, ווייל א סביבה האט א מורא'דיגער כח.

נישט נאר די סביבה איז משפיע, נאר אויך דער מקום איז משפיע. אזוי ווי א מקום פון קדושה איז משפיע לטובה און עס איז ממשיך קדושה אויף א איד און עס העלפט אים שטייגן, איז אויך א מקום טומאה משפיע.

אויף אן ארט וואו מען האט עובר געווען עבירות רוט א רוח טומאה און מען דארף זיך דערווייטערן פון איר.

אין די ספרים הק' ווערט געברענגט אז אויב א איד קומט אן אויף א פלאץ און מיטאמאל באפאלן אים מחשבות רעות זאל ער וויסן אז אויף די ארט איז דא א זוהמא און ער זאל טוישן דאס פלאץ, ווייל דער ארט האט א כח.

די זהירות דארף מען אייביג, אבער ביתר שאת אין די ימי בין הזמנים. א גאנצע יאר זענען די יונגלעך און די בחורים און אויך די אינגעלייט אין בית המדרש און עס זאפט זיך אן אין זיי א רוח פון קדושה און זיי ווערן נתקדש בקדושה פון דער מקום, אבער אין די ימי בין הזמנים טעג מאכט זיך אז מען גייט ארויס שפאצירן און דארט קען זיך אנטרעפן וואו די רוח הקדושה איז נישט אזוי שטארק און מען דארף זיין געווארענט אין דעם.

דער דגל מחנה אפרים ברענגט אראפ די בחינה אין פרשת וישב און טייטשט אויס מיט דעם די ווערטער 'וישב יעקב בארץ מגורי אביו', אז יעקב אבינו האט זיך דווקא באזעצט בארץ מגורי אביו ווייל אויף די ארט וואו א צדיק זיצט איז ער ממשיך אויף דעם ארט א קדושה, און יעקב אבינו האט געוואלט שפירן די קדושה פון זיינע עלטערן און זיך באזעצט דארט.

דער דגל ברענגט אראפ אין יענער שטיקל אויך די פארקערטע און זאגט נאך פון אנשי אמת אז וועגן דעם שטייט 'ובמושב ליצים לא ישב', ווייל דער 'מושב' אליין, דהיינו דער 'מקום' אליין וואו די רשעים זענען געזעצן לאזט איבער א רישומא אויפ'ן ארט.

זיינע ווערטער ענדיגט ער צו זאגנדיג 'והדבר הזה הוא נוהג תמיד בכל אדם ובכל זמן!' – ווייל עס איז נוגע אויף אייביג.

עס איז אויך באקאנט דער מאמר פון הרה"ק רבי נחמן ברסלב'ער זי"ע אז ווען א איד גייט אין גאס און פלוצלונג כאפט אים אן א רוח קדושה און א הרהור תשובה, זאל ער נישט ווייטערגיין נאר בלייבן דארט, ווייל די ארט האט א קדושה.

אויפ'ן חזון איש זצ"ל ווערט דערציילט, אז ער איז אמאל געגאנגען שפאצירן אין גאס און אינמיטן וועג האט ער זיך געגעבן א שטעל אפ און אנגעוויזן אז ער שפירט א קדושה אויפ'ן ארט און דאס איז א סימן אז דא אויף דעם ארט איז מען אמאל געשטאנען און גערעדט דברי תורה, ווייל דער מקום האט א קדושה.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו ווערן אפגעהיטן און נאר גיין אויף גוטע ערטער וואו עס איז דא א השראת השכינה.




## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א הילף פאר'ן שכן

טיר ביי טיר וואו איך וואוין, וואוינט נאך א לעכטיגע משפחה.

ווען מיין בני בית האט גערעדט מיט די שכֵנה פאר יום טוב האט זי באמערקט אז ווי שווער דער פינאנציאלער צושטאנד איז אין שטוב, איז עס אצינד שווערער. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער מאן האט פארלוירן זיין דזשאב. זעענדיג דאס האבן מיר געטראכט וואס קענען מיר טון צו דערלייכטערן די ענגשאפט ביי זיי אין שטוב.

נאך יענער נאכט האבן מיר גערעדט צו דער וואס שטייט אין שפיץ פון די קמחא דפסחא אין די געגענט און ביז געציילטע טעג איז אנגעקומען פארענט פון דעם טיר א ריזיגער דעליווערי מיט אלע ערליי געברויכן פאר פסח, עס איז געווען א גרויסע הרחבה.

עס איז אריבער עטליכע וואכן. דער יום טוב שבועות איז געשטאנעןביים שוועל, און מיר האבן געהערט אז די שכנה האט געליטן שווערע וואונדן אין די הענט.

אויף שבועות איז נישט דא ווער עס געבט קמחא דפסחא, און דאסמאל האט מיין בני בית געזאגט אז עס איז נישט דא קיין ברירה, מען וועט אליין איינקויפן און אליין געבן.

איך בין אריבער אין די לאקאלע פלייש געשעפט און זיך געשטעלט אין די רייע איינצוקויפן פלייש אויף יום טוב פאר'ן שכן. אזוי שטייענדיג און ווארטנדיג אז עס זאל אנקומען מיין רייע האט מיין בני בית מיר אריינגעקלינגען.

"קויף נישט קיין פלייש! איך האב שוין אלעס וואס כ'דארף".

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אינדערצייט ווען איך האב געווארט אין די פלייש געשעפט האט א דריטער שכן אריינגעקלאפט, אין איר הענט האט זי געהאלטן עטליכע זעקלעך פלייש.

"דאס איז פלייש וואס איך האב באקומען אויף יום טוב פון אן ארגינאזאציע. עס איז פלייש וואס מיינע קינדער גלייכן נישט. קיין איינער עסט עס נישט ביי מיר אין שטוב, איך ווייס אפילו נישט ווי אזוי מען קאכט עס. איך האב נישט וואס צו טון מיט דעם, אפשר נעמסטו עס פון מיר".

מיין בני בית איז גוט באקאנט מיט די סארט פלייש און ווייסט אז עס איז יא גוטגייענד און האט באוויליגט עס צו נעמען.

יעצט האבן מיר שוין געהאט וואס צו געבן פאר'ן שכן אויף יום טוב.

מיר האבן געזען בחוש ווי ווען מען וויל העלפן פאר יענעם – העלפט מען פון הימל צו העלפן יענעם.

# ביעור-חמץ

**כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִיכָּא בִרְשׁוּתִי דַּחֲזִתֵּיהּ וּדְלָא חֲזִתֵּיהּ דַּחֲמִתֵּיהּ וּדְלָא חֲמִתֵּיהּ דְּבִעַרְתֵּיהּ וּדְלָא בִעַרְתֵּיהּ לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר כְּעַפְרָא דְאַרְעָא.**

**עס שטייט אינעם הייליגן ספר עבודת ישראל פונעם הייליגן קאזשניצער מגיד זצוק"ל (לשבת הגדול), ווי פאלגנד: מען פירט זיך צו לייגן ברעקלעך פון חמץ, אין אן ארט וואו די בודקים וועלן עס טרעפן (או"ח סי' תל"ב ס"ב ברמ"א). און עס זעט אויס, אז דאס וואס מען פירט זיך מיט אט דעם הייליגן מנהג, איז וויבאלד דער עיקר פון ביעור חמץ איז אויסצוראמען דעם יצר הרע.**

**דערפאר האט מען מתקן געווען דעם מנהג צו לייגן חמץ, צו ווייזן אז אוודאי האט ער נאך זינד און חמץ וואס דאס איז דער יצר הרע, ווייל "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (קהלת ז, כ).**

**ווייל א מענטש וואס האלט זיך אז ער האט שוין אלעס מתקן געווען, איז עס זיכער אז ער האט נאך אפילו נישט אנגעהויבן צו דינען דעם אויבערשטן. אזוי ווי איך האב שוין געשריבן אין אן אנדער ארט, דער ערקלערונג פונעם פסוק (במדבר יט, ב): 'אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה עול', אז ווער עס מיינט אז עס איז נישטא אין אים קיין פעלער, איז עס זיכער אז עס איז נאכנישט ארויפגעגאנגען אויף דעם יאך פון מלכות שמים. אזוי ווי דער מאמר החכם אין ספר חובת הלבבות, אז אויב איך וואלט געטראכט אין מיין הארץ אז איך האב נישט געזינדיגט, איז דאס זיכער די גרעסטע עבירה, וויבאלד דאס גאוה איז גאר א גרויסער זינד. – און דעריבער פירט מען זיך צו לייגן ברעקלעך חמץ, צו ווייזן ווי פריער ערקלערט, אז ער האט אוודאי נאכנישט אלעס מתקן געווען. ביז אהער פונעם הייליגן עבודת ישראל.**

◆ ◆ ◆

אין איינער פון די קארפאטן בערג, ערגעץ פאררוקט צווישן די הונדערטער שטעטלעך וואס זענען אויסגעשפרייט אינעם בוקאווינער געגנט, האט געוואוינט מוהר"ר שלמה, זייער א פארמעגליכער איד, וועלכער איז געווען זייער ערליך און געציטערט פון אן עבירה. זיין עיקר פרנסה האט ער געפינען אינעם בראנפן האנדל, ווען טאג טעגליך זענען פאבריצירט געווארן אסאך פלעשער געשמאקע בראנפן, וואס האט געצויגן צו אים זייער אסאך קונדן.

נאנט צום הייליגן יום טוב פסח, האט רבי שלמה געהערט פון זיין אידישן שכן, אז ער פלאנט ארייננצופארן אין שטאט פאר פארשידענע זאכן וואס ער דארף דארט ערלעדיגן, און צווישן זיי האפט ער אויך צו מאכן דעם 'מכירת חמץ' ביים ארטיגן רב. הערנדיג דאס, האט רבי שלמה אים געבעטן אז ער וויל אים מאכן פאר זיין שליח, צו פארקויפן סיי דער חמץ וואס ער האט ביי זיך אינדערהיים, און זעלבסטפארשטענדליך אויך דעם ריזיגן פאבריק וואו מען מאכט די בראנפן, וואס איז פול מיט חמץ פון וואנט צו וואנט, אזוי ווי די הלכה איז גע'פסק'נט אז די סוחרים פארלאזן זיך אויפן מכירת חמץ, וואס מען פארקויפט אלע חמץ פארן גוי איבערן יום טוב פסח.

דער שכן פון רבי שלמה האט צוגעשטימט, און רבי שלמה האט אים געגעבן א שטר צו פארקויפן זיין חמץ, וואו ער האט ערקלערט אלע ערטער וואו זיין חמץ געפינט זיך.

וויסנדיג אז זיין חמץ איז פארקויפט געווארן כהלכה, איז רבי שלמה צוגעגאנגען צום פאבריק אום ערב פסח און גוט פארשלאסן אלע טירן און פענסטער וואו מען קומט א גאנץ יאר קויפן. אויך האט ער פארשפארט אלע טירן פונעם בנין, וויבאלד דער גאנצער בנין גייט יעצט אריבער צום בעלות פונעם 'גוי' וואס קויפט אפ דעם חמץ.

אום יום טוב פסח, ווען רבי שלמה איז געווען אויפן וועג אהיים פון בית המדרש נאכן דאווענען, האט ער באגעגנט זיין שכן, און וועלנדיג אים וואונטשן א הארציגן 'גוט יום טוב' ווי זיין שטייגער, האט ער פלוצלונג באמערקט ווי זיין שכן איילט צו זיינע טריט, אזוי ווי ער וויל זיך נישט באגעגענען מיט אים...

אויך אויפצומארגנס, ווען רבי שלמה האט נאכאמאל באגעגנט זיין שכן אויפן וועג, האט ער זיך פלוצלונג אויסגעדרייט פון אים און זיך שטארק געאיילט אין וועג... – יעצט האט שוין רבי שלמה פארשטאנען אז עפעס ליגט דא באהאלטן, און נישט אומזיסט אנטלויפט ער פון אים, און וויל אים נישט טרעפן. אבער פארוואס? וואס קען זיין די סיבה, אז זיין שכן דערווייטערט זיך פון אים?

רבי שלמה האט אנגעהויבן צו ווערן באזארגט, מורא האבנדיג אז ער אדער איינער פון זיין משפחה האט מעגליך פוגע געווען אינעם כבוד פונעם שכן, און דעריבער האט רבי שלמה איידל פראבירט צו כאפן דעם שכן און אים דערגרייכן, ביז עס אים געלונגען. רבי שלמה האט געפרעגט דעם שכן: פארוואס דרייסטו זיך ארויס פון מיר, אויך נעכטן און אויך היינט?

דער געזיכט פונעם שכן האט אנגעהויבן טוישן קאלירן, ביז ער האט זיך אנגערופן מיט א פארשעמטן שטימע: איך וועל דיר זאגן דעם אמת, מיין טייערער שכן. ווען דו האסט מיר געבעטן אז איך זאל פארקויפן דיין חמץ אריינפארנדיג אין שטאט, האב איך דארט געהאט אסאך זאכן צו ערלעדיגן, און ארומלויפנדיג פון דא צו דארט האב איך אינגאנצן פארגעסן אז איך דארף אויך פארקויפן דיין חמץ! – נאר נעכטן ווען איך האב דיר באמערקט אין גאס נאכן דאווענען, האב איך זיך פלוצלונג דערמאנט אז איך האב נישט אויסגעפירט דיין שליחות, און יעצט האסטו חמץ גמור אין דיין רשות, אין אלע אפטיילונגען פונעם פאבריק, וואס איז פול מיט חמץ'דיגע בראנפן, וואס מען האט בכלל נישט פארקויפט פאר קיין גוי, און מען האט עס נישט אויסגעראמט, רחמנא ליצלן. און יעצט, קען איך נישט צו זיך קומען, פונעם געוואלדיגן שאדן וואס איך האב דיר גורם געווען מיט דיין גאנצן פאבריק וואס איז יעצט געווארן אסור בהנאה!

ווען רבי שלמה דער צדיק האט דאס געהערט, איז ער בכלל נישט דערשראקן געווארן, אויך איז ער נישט געווארן צובראכן און טרויעריג, נאר ער האט גלייך געלאזט רופן אלע מענטשן פונעם שטעטל צו א ספעציעלן פרייליכן מעמד, וואס וועט פארקומען אינעם גרויסן פלאץ אין פארנט פונעם פאבריק.

ווען יעדער איז שוין געווען פארזאמלט, האט זיך רבי שלמה אויפגעשטעלט, און מיט באגייסטערונג האט ער פארציילט פאר יעדן איינעם די גאנצע מעשה וואס איז דא פארגעקומען, אז ער האט געבעטן איינעם צו פארקויפן זיין חמץ, און דער שליח האט פארגעסן דאס צו טון, און דעריבער איז געבליבן חמץ אין זיין רשות, און נאר יעצט איז ער דערפון געוואויר געווארן!

לויטן געזעץ פון אונזער הייליגע תורה, האט דער עושר רבי שלמה אויסגעפירט זיינע ווערטער מיט גרויס התלהבות איז אלע בראנפן וואס געפינט זיך דא **חמץ גמור**! און די הלכה איז אז (שם סי' תמ"ו ס"א) אֵין ביעור חמץ אלא שריפה, און ווער עס געפינט חמץ אין זיין רשות אום פסח, וואס איז נישט אויסגעראמט געווארן און איז נישט פארקויפט געווארן פאר א גוי, פארברענט עס אום חול המועד!

האט רבי שלמה אנגעצינדן דעם פייער, און צו די ערשטוינטע בליקן פון די מענטשן פון שטאט איז ער צוגעגאנגען בדחילו ורחימו און מיט גרויס שמחה האט ער צושפרייט דעם פייער צום גאנצן געביידע, וואס האט זיך צוביסלעך אנגעצינדן און גענומען ברענען אין הויכע פלאמען. עס האט נישט גענומען לאנג, און דאס פייער האט זיך גענומען צושפרייטן און האט זיך פארשטארקט אינעם פאבריק, און דאס גאנצע פאבריק האט זיך פארברענט.

די שמועה איבערן איד דער צדיק, וואס צוליב דעם באפעל פון די הייליגע תורה האט ער פארברענט זיין גאנצן פאבריק, איז אנגעקומען ביז צו די אויערן פונעם ארטיגן פריץ, וועלכער האט גוט געקענט רבי שלמה, און יעדער האט געוואוסט אז רבי שלמה איז דער 'יועץ' פונעם פריץ, וויבאלד דער פריץ פלעגט זיך שואל-עצה זיין מיט אים פון צייט צו צייט אין זיינע פריוואטע ענינים. דער פריץ האט יעצט געשיקט רופן רבי שלמה. ווען רבי שלמה איז אנגעקומען צום פריץ, האט דער פריץ אים שטארק אנגעשריגן: וואס האסטו דא געטון? צוליב א מצוה אדער א הלכה פארברענט מען א גאנצן פאבריק? וויסן זאלסטו, אז איך האב שוין געליטן דערוועגן בושות און בזיונות פון מיינע חברים די פריצים, וועלכע האבן געשפעט פון מיר וועגן מיין אידישער יועץ... וועלכער פארברענט מיט די אייגענע הענט זיין גאנצן טייערן פארמעגן!

דעריבער, האט דער פריץ אויסגעפירט מיט א צארנדיגע שטימע, ביסטו פארטריבן פון דעם שטעטל! גיי שנעל אהיים און גרייט אן דיין גאנצן הויזגעזינד, און טרעפט אייך אן אנדער וואוין-ארט!

די שווערע גזירה איז געפאלן אויף רבי שלמה ווי א דונער אין העלן טאג. ער האט זיך געבעטן ביים פריץ אז ער זאל אים מוותר זיין און אים נישט פארטרייבן פונעם שטאט, וויבאלד אזוי איז דער סדר ביי אלע אידן פון אייביג אן, אז אום ערב פסח פארברענט יעדער איינער זיין חמץ, און ווער עס טרעפט עס אום יום טוב, דארף עס פארברענען דעמאלטס. אבער אלע זיינע געבעטן האבן גארנישט געהאלפן, און רבי שלמה איז מיט שאנד פארטריבן געווארן פונעם שטאט דורכן פריץ.

אויבן אין הימל, איז אין די זעלבע צייט געווארן א געוואלדיגער טומל, פונעם מסירות נפש פון רבי שלמה דער צדיק, וועלכער האט צום ערשט פארברענט זיין גאנצן פארמעגן וועגן די מצוה, און דערנאך איז ער אויך פארטריבן געווארן פון זיין הויז וועגן דעם. דעריבער האט מען גע'פסק'נט אינעם בית דין של מעלה, אז עס וועט אים געשאנקען ווערן דעפאר א זון וועלכער וועט זיין א **חכם און צדיק וואס וועט באלייכטן די גאנצע וועלט מיט זיין תורה און צִדקות**. דאס איז געווען **הרה"ק רבינו חיים מטשערנאוויץ זצוק"ל בעל באר מים חיים און סידורו של שבת** וועמענס נאמען און ערליכקייט איז געווארן צושפרייט מסוף העולם ועד סופו, כידוע. אויף אזוי ווייט איז עס געגאנגען, אז נאכן הסתלקות פונעם הייליגן באר מים חיים, האט מען מורא געהאט טאמער וועט זיך איינער דערוואגן צו זיצן אויפן שטול פונעם הייליגן צדיק, און דעריבער האט מען פארשטאפט דעם ארט וואו ער איז געזעצן מיט א געבוי פון העלצער.

[קובץ 150295]

| המשך אין עמוד ד' |>

• • •

עס האט מיר דערציילט **כ"ק מרן אדמו"ר מלעלוב שליט"א** איבער זיין טאטן **הרה"ק רבי שמעון לעלובער זצוק"ל**, אז איינמאל אין אן ערב פסח נאך בדיקת חמץ, האט ער זיך געווענדן צו זיין גבאי, און האט אים געבעטן זיך צו פארבינדן צו א געוויסע משפחה פון זיינע חסידים, און פארשלאגן א שידוך פאר זייער זון.

אין אנהייב האט זיך דער גבאי געוואונדערט, איז דען יעצט דער פאסיגער צייט דערצו, פונקט אום ליל בדיקת חמץ? ער האט געבעטן דעם רבי'ן אויב מען קען ווארטן דערמיט ביז נאך פסח, ערקלערנדיג פארן רבי'ן אז ערב פסח איז א צייט ווען מענטשן זענען זייער פארנומען און פאריאגט, און איז נישט קיין פאסיגע צייט פאר הצעות פון שידוכים... וויבאלד מען דארף זיך זעצן דערצו צו א לאנגע שמועס, און אויסטרעפן אלע איינצלהייטן און עס אפשרייבן, און אזוי ווייטער – און דעריבער זעט נישט אויס אז ליל בדיקת חמץ איז א פאסיגער צייט דערצו...

אבער דער רבי זצוק"ל האט זיך פאר'עקש'נט, און האט זיך געבעטן ביים גבאי אז ער זאל נאך קלינגען אינעם זעלבן נאכט. דערביי האט ער שטרענג צוגעלייגט, אז אויב וועט דער גבאי נישט קלינגען, וועט ער זיי אליין קלינגען! – ווייל בדיקת חמץ איז נאר א תקנה דרבנן (פסחים ב.), אבער גמילות חסדים איז א מצוה דאורייתא (ויקרא יט, יח), און מען טאר נישט אפשטופן אזא געוואלדיגע מצוה.

דער גבאי וועלכער האט גוט געקענט דעם רבי'ן, האט געוואוסט אז דאס איז נישט סתם א 'סטראשע'... און אז אויב ער וועט זיך נישט צואיילן און קלינגען די משפחה, וועט דער רבי באלד נעמען דעם טעלעפאן אין האנט און זיי קלינגען בכבודו ובעצמו, אזוי ווי דער רבי האט שוין טאקע אסאך מאל געטון. און דעריבער איז עס דאך א חשש בזיון, אויב דער רבי אליין ווערט א 'שדכן'...

דעריבער האט דער גבאי בלית ברירה, נישט האבנדיג קיין אנדער אויסוואל, גענומען דעם טעלעפאן אין האנט, שפעט ביינאכט ליל בדיקת חמץ, און פארגעשלאגן דעם שידוך. דער איד, וועלכער איז געווען א הייסער לעלובער חסיד, האטווארים אויפגעהויבן דעם טעלעפאן צום גבאי, און איז בכלל נישט געווען פאריאגט און אומרואיג. געשמאק האבן זיי לאנג פארברענגט אויפן טעלעפאן, און דער חסיד האט אים קלאר אויסגעפרעגט אלע פרטים, און דער גבאי האט געזען אז טראץ דעם גאנצן באלאגאן פון ערב פסח, האט דער איד זייער הנאה געהאט פונעם געשפרעך...

אין איינער פון די טעג פון חול המועד פסח, איז דער איד געקומען צום רבי'נס הויף, אין דער 'שיכון לעלוב' אין בני ברק, זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש. ווען דער איד האט זיך באגעגנט אין בית המדרש מיטן געטרייען גבאי, האט ער זיך באדאנקט פארן שידוך פארשלאג פון ערב פסח. דערביי האט ער ערקלערט אז לויט ווי עס זעט אים יעצט אויס, נאכן מאכן עטליכע בירורים איבער די משפחה, איז די הצעה נישט פאסיג פאר אים. אבער ער האט אויסגעפירט ווי פאלגנד: **דו קענסט זיך נישט פארשטעלן, וואספארא שמחה דיין טעלעפאן-רוף האט געברענגט ביי מיר אינדערהיים לכבוד דעם הייליגן יום טוב!** וויבאלד שוין עטליכע חדשים איז נישט געקומען קיין שום הצעה פון קיין שידוך, און דעריבער זענען מיר געווען זייער אומעטיג טראכטנדיג אז אלע שדכנים האבן פארגעסן פון אונז...

אבער ווען דו האסט אונז געקלינגען מיטן שידוך פארשלאג אין נאמען פונעם רבי'ן, זענען מיר געווארן זייער בשמחה, נאר פונעם געדאנק און דעם עסק וואס דער הייליגער רבי האט אכט געלייגט אויף אונז!

**יעצט האט שוין דער גבאי גוט פארשטאנען, ווי ווייטגרייכנד איז געווען דער טיפער בליק פונעם רבי'ן, וועלכער האט מצליח געווען צו דערפרייען די משפחה מיט א הצעה פון א שידוך, אין אזא הייליגע פארנומענע נאכט, כדי מקיים צו זיין דערמיט די מצוה דאורייתא פון גמילות חסדים!**

[קובץ 141223]

# טיב ההתחזקות

## שַׁבָּת הַגָּדוֹל

### אום שבת הגדול איז געווען גילוי מלכות השי"ת

אום שבת הגדול הייבט זיך אן דער ענין פון יציאת מצרים, וואס דעמאלטס האט מען מכניע געווען און מבטל געווען די עבודה זרה פון מצרים, ווייל אין דעם שבת זענען די אידן באפוילן געווארן צו נעמען דעם שעפסל, וואס דאס איז געווען דער אפגאט פון די מצריים, און עס צובינדן צום בעט אלס צוגרייטונג עס צו שעכטן, און די מצריים האבן דאס צוגעזען און האבן זיי גארנישט געקענט טון. קומט אויס, אז למעשה איז דאס צוברעכן פונעם עבודה זרה דער עיקר יציאת מצרים. און אום שבת הגדול איז געווען די התגלות פון ה' אחד, ווייל לויט ווי די קליפה ווערט צובראכן אלס מער ווערט א התגלות פון מלכות ה'. און דאס איז געווען דער ענין פון די מכות, אז מען זאל וויסן אז דער אויבערשטער איז דער מנהיג פון די בריאה, ער פירט די גאנצע וועלט, אזוי ווי ער האט עס געוויזן דורך אלע מכות, און די התגלות איז געווען אום שבת הגדול.

### משכו ידיכם מעבודה זרה

פאר אט די פעולה, האט מען געדארפט צוקומען צו מסירות נפש פון אידישע קינדער, אזוי ווי משה רבינו האט געזאגט (שמות ח, כב): 'הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו'. זעען מיר פון דעם אז אין זכות פון אט די מסירות נפש, האט מען זוכה געווען צו די גאולה.

פון דעם איז קלאר, אז אזוי ווי עס איז דעמאלטס געווען בימים ההם, חזר'ט זיך איבער די זעלבע זאך מדי שנה בשנה, אז אום שבת הגדול איז אן עת רצון און שעת הכושר צו נתעלה ווערן און זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, אין זכות פון די געוואלדיגע הכנה וואס מיר מאכן צו די געהויבענע טעג פונעם יום טוב פסח, וואס דעמאלטס רייסט מען זיך אפ פון די קליפות מצרים. און וויבאלד עס איז אזוי, זאל מען זיך מער און מער אנשטרענגען אין אט דעם הייליגן שבת, זיך אנצוגרייטן מיט פאסיגע כלים אז מען זאל קענען מקבל זיין שפע עליון.

אט דעם שבת קודש, 'שבת הגדול' איז אזוי ווי איר נאמען, זייענדיג א גרויסן און ספעציעלן שבת, וואס יעצט האט מען דעם מעגליכקייט צו מתקן זיין אפילו די מחשבה. און יעצט, ווען מיר וועלן זאגן 'עבדים היינו' אזוי ווי עס איז דער מנהג דאס צו זאגן אום שבת הגדול, באקומען די רייד אן אנדער באדייט, וויבאלד יעצט שיידן מיר זיך אפ פון די קנעכטשאפט פון פרעה, וואס דאס איז דער יצר הרע וועלכער רעדט אונז אלעמאל איין, און מיר זענען מקבל אויף זיך צו אפלאזן אלע סארטן 'עבודה זרה' במעשה ובמחשבה, און מיר וועלן אויסוועלן זיך צו מדבק זיין בלויז אינעם אויבערשטן און אין זיין הייליגע תורה.

### שבת איז משפיע אויף די טעג וואס קומען נאך איר

נאך א טעם ווערט געברענגט פארוואס דער שבת ווערט אנגערופן 'שבת הגדול', דאס איז וויבאלד עס באוואוסט פונעם זוהר הקדוש, אז 'כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליא', אלע ברכות פון אויבן און אונטן איז אפהענגיג אינעם טאג פון שבת קודש. און יעצט, אום פסח איז דאך דא געוואלדיגע השפעות וואס קומען אראפ אויפן מענטש, אזוי ווי 'יציאת מצרים' און די בחינה פון 'יֵצְאוּ ברכוש גדול', איבערהויפט דער ענין אז אינעם הייליגן סדר נאכט איז יעדער מענטש מקיים הונדערטער מצוות, ווייל אויסער די מצוות עשה דאורייתא און דרבנן וואס מען איז מקיים אינעם ליל הסדר, איז אויך דאס מקיים זיין יעדער מנהג – א מצוה, קומט דאך אויס אז יעדער מאל וואס מען דעקט צו די מצות און יעדן מאל וואס מען דעקט אויף די מצות, איז מען מקיים א מצוה דערמיט. און דאס אלעס ווערט נשפע פונעם שבת פריער. האבן צדיקים געזאגט, אז די הכנה צו די מצוה איז נאך גרעסער ווי די מצוה זעלבסט, און דעריבער ווערט דער שבת אנגערופן 'שבת הגדול', וויבאלד יעצט ווערן נשפע אלע גוטע השפעות פונעם הייליגן יום טוב פסח.

און אום שבת הייבט זיך אן דער ענין פון יציאת מצרים, און דעריבער זאל מען זאגן א טייל פון די הגדה, און אויך ביי די יוצרות וואס מען זאגט אום שבת הגדול, זענען דא טיילן פון די הגדה.

על כל פנים זעען מיר פון דעם, אז יעצט איז א צייט פון דביקות אינעם אויבערשטן, און דורכדעם טוט מען צוקומען צו א געוואלדיגע הכרת הטוב צום אויבערשטן אויף אלעס גוטס וואס ער האט געטון צו אונז, וואס מיר זענען צוזאמגעשטעלט פון ליים, און ער איז דער וואס שפייזט אונז און זעטיגט אונז און געבט אונז אלע אונזערע געברויכן און זעט אז עס זאל זיין גוט פאר אונז אלעמאל. און דאס איז דער יסוד פון די ווערטער וואס מיר זאגן אינעם 'הגדה של פסח': **'ואילו לא הוציא וכו' הרי אנו ובנינו וכו' משועבדים היינו לפרעה במצרים'**. אט דאס איז די פאסיגע הכנה צום הייליגן סדר נאכט, ווען מיר דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן אויף זיינע פילע חסדים.

## על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ יעקב צבי בן ישראל

לע"נ מרת הינדל בת משה ירמיהו ובלומה

לע"נ רבי שבתי זצ"ל בן הגה"ק רבי גמליאל הכהן זצ"ל נלב"ע ח' שבט תשל"ו ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הרב יחיאל מאיר ז"ל בן הרב אברהם עקשטיין ז"ל נלב"ע י"ב טבת תשס"ח ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון ת.נ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו ת.נ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321 גרפצ'יק

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173